**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/8/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און יוניאן פירער אנאנסירן מאקסימאלע וועכנטליכע בענעפיט העכערונג פאר צייטווייליג-ארבעטסלאזע מענטשן**

***אנגעהויבן דעם חודש, וועט די מאקסימאלע וועכנטליכע בענעפיט ארויפגיין פון $504 צו $869***

***העכערונג אין UI בענעפיטן קומט אין די זעלבע צייט וואס רעפובליקאנע פעדעראלע רעגירונג שאָטדאַון האט באטראפן 115,000 פעדעראלע ארבייטער אין ניו יארק, זיי איבערלאזנדיג אן א געהאלט***

***גאווערנער און ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור האבן אפגעצאלט טראסט פאָנד הלוואה אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026, ברענגענדיג די קאסע צו א גוטע שטאנד, פארמערנדיג בענעפיטן פאר ארבעטסלאזע ניו יארקער און שניידנדיג קאסטן פאר ביזנעסער***

***טייל פון גאווערנער האקול'ס באמיאונגען צו פארמערן בענעפיטן פאר ניו יארק'ס ארבעטסקראפט און שפארן געלט פאר ביזנעסער***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) און יוניאן פירער האט היינט אנאנסירט אז די מאקסימאלע וועכנטליכע אָנעמפּלאָימענט אינשורענס (unemployment insurance, UI) בענעפיט סומע ווערט געהעכערט פאר צייטווייליג-ארבעטסלאזע מענטשן אריבער די סטעיט. אלס טייל פון די גאווערנער'ס דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026, האט די סטעיט אינוועסטירט נאענט צו 7 ביליאן דאלאר צו אפצאלן די פעדעראלע UI טראסט פאָנד הלוואה און ברענגען די קאסע צו גוטע שטאנד און העכערן די מאקסימאלע וועכנטליכע בענעפיט פון $504 צו $869. די העכערונג אין UI בענעפיטן קומט אין די זעלבע צייט וואס די רעפובליקאנע פעדעראלע רעגירונג שאָטדאַון באטרעפט 115,000 פעדעראלע ארבייטער אין ניו יארק, זיי איבערלאזנדיג אן א געהאלט.

"די אגענדע פון Donald Trump (דאנאלד טראמפ) און וואשינגטאן רעפובליקאנער איז א דירעקטע אטאקע אויף שווער-ארבעטנדע ניו יארקער, מיט אומפאראנטווארטליכע האנדל קריגן פאראורזאכנדיג שארפע פרייז העכערונגען, און יעצט האט זייער באשלוס צו ברענגען די פעדעראלע רעגירונג צו א שאָטדאַון איבערגעלאזט טויזנטע ניו יארקער ארבעטסלאז און אן קיין שטיצע", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דאס איז אין שארפע קעגנזאץ צו אלעס וואס מיר טוהען דא אין ניו יארק. מיט די מאקסימאלע וועכנטליכע בענעפיטן ווערנדיג געהעכערט אנגעהויבן דעם חודש, קענען מיר אויפהייבן ארבעטסלאזע ניו יארקער, אריינרעכענענדיג די וועלכע רעפובליקאנער אין וואשינגטאן האבן פארנאכלעסיגט, בשעת'ן שניידן קאסטן פאר ביזנעסער."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט (Department of Labor) קאמישאנער, Roberta Reardon (ראבערטא ריערדאן), האט געזאגט**, "דאס העכערן די מאקסימאלע וועכנטליכע

אַנעמפּלאָימענט אינשורענס בענעפיט וועט פיל העלפן ניו יארקער וועלכע האנדלען מיט א פארלוירענע דזשאב. די היסטארישע העכערונג וועט העלפן מער מענטשן מצליח זיין צו באצאלן זייערע בילס ווען זיי דארפן דאס די מערסטע און אריינליייגן געלט דירעקט אין די הענט פון די וועלכע זענען נישט ביים ארבעט נישט צוליב זייער שולד. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) און די סטעיט לעגיסלאטור פארן ארבעטן צוזאמען צו אפצאלן די אַנעמפּלאָימענט אינשורענס טראסט פאָנד חוב און מאכן די העכערונגען פאר א מעגליכקייט."

בעפאר די קאוויד-19 פאנדעמיע האט די UI טראסט פאָנד געהאט נאענט צו 2.5 ביליאן דאלאר ליגנדיג אין די קאסע. אבער צוליב די עקאנאמישע ווירקונגען פון די פאנדעמיע, איז די גאנצע סומע אויסגעצאלט געווארן פאר ניו יארקער, פארלאנגענדיג די סטעיט צו בארגן פון די פעדעראלע רעגירונג כדי צו פארזעצן צו באצאלן בארעכטיגטע קלעימס. דאס אפצאלן די חוב און צוריקשטעלן די קאסע און א גוטע שטאנד האט ערלויבט די סטעיט צו העכערן די מאקסימאלע UI בענעפיט ראטע כדי עס זאל זיין מער ענליך צו אנדערע סטעיטס, און עס ערמעגליכט צו מאכן ענדערונגען צו די מאקסימאלע סומע פון די געהאלט פון אן ארבעטער אויף וועלכע ארבעטסגעבער באצאלן שטייערן, כדי צו העלפן אויפבויען די רעזערוון און סטאביליזירן די UI טראסט פאָנד פאר די צוקונפט.

אנגעהויבן מיט באצאלונגען וואס ווערן ארויסגעשיקט די וואך פון אקטאבער 13, וועט די מאקסימאלע סומע וואס מענטשן קענען באקומען וועכנטליך ארויפגיין פון $504 צו $869, און העכערונגען זענען ערווארטעט פאר אסאך מענטשן אפילו אויב זיי באקומען נישט יעצט די מאקסימאלע ראטע. די וועכנטליכע בענעפיט באצאלונג סומע ווערט באשטימט לויט וויפיל אן ארבעטער האט פארדינט דורכאויס א ספעציפישע תקופה בעפאר זיי האבן פארלוירן די ארבעט. ניו יארקער קענען נוצן די רעכענער צו אפשאצן זייער וועכנטליכע אַנעמפּלאָימענט אינשורענס בענעפיט סומע.

דורך אפצאלן די חוב, די סטעיט טוט אויך צוריקלייגן געלט אין די קעשענעס פון ביזנעס אייגענטומער, וועמענס קאנטריבוציע ראטעס האט פארגעזעצט צו ארויפארן אין די זעלבע צייט וואס די חוב איז נישט אפגעצאלט געווארן. ארבעטסגעבער וועלן מער נישט באקומען יערליכע הלוואה צוצאלונג ( Interest Assessment Surcharge, IAS) בילס און זענען געשאצט זיך צו איינשפארן א דורכשניט פון $100 פער ארבעטער אין 2026 און $250 אין 2027. אין צוגאב וועט די מאקסימאלע סומע פון אן ארבעטער'ס געהאלט אויף וועלכע שטייער ווערט באצאלט ארויפגיין אין 2026, פארשטערקערנדיג די טראסט פאָנד איבער די צייט און העלפנדיג היטן אויף אפּאָרדעבעל שטייער ראטעס פאר ניו יארק'ס ארבעטסגעבער אין די לאנגע טערמין.

**סטעיט סענאטאר James Sanders Jr. (דזשעימס סענדערס דזשוניאר) האט געזאגט,** "איך לויב אויס גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט ביים צוריקברענגען די שטארקייט פון ניו יארק'ס אַנעמפּלאָימענט אינשורענס טראסט פאָנד און ברענגען לאנג-נויטיגע פארלייכטערונג פאר פאמיליעס. די העכערונג – פון $504 צו $869 א וואך – מיינט אז מער ארבעטסלאזע ניו יארקער וועלן בעסער קענען אויסהאלטן זייערע פאמיליעס און קאמיוניטיס בשעת'ן זוכן נייע ארבעט געלעגנהייטן. דא אין קווינס, וואו שווער-ארבעטנדע מענטשן ארבעטן אפט אויף מערערע דזשאבס צו מצליח זיין צו באצאלן זייערע בילס, וועט די העכערונג גיבן עכטע פלאץ צו אטעמען. דורכן אפצאלן די פעדעראלע חוב און צוריקברענגען די קאסע צו א גוטע שטאנד, העלפן מיר אויך קליינע ביזנעסער אריבער די סטעיט – באזונדערס פירמעס אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען – צו שפארן געלט און צוריק אינוועסטירן אין זייער ארבעטסקראפט. דאס איז די סארט באלאנסירטע עקאנאמישע פארשריט וואס ניו יארק דארף: באשיצנדיג ארבייטער בשעת'ן פארשטערקערן די יסודות פאר צוקונפטיגע וואוקס."

**סטעיט סענאטארשע Shelley B. Mayer (שעלי ב. מעיער) האט געזאגט,** "איך בין גאר שטאלץ אז ניו יארק האט זיך אהערגעשטעלט צו צושטעלן באדייטפולע שטיצע פאר ניו יארקער אזוי ווי זיי האנדלען

מיט ארבעטסלאזיגקייט און די שוועריגקייטן וואס רעזולטירן פון דאס פארלירן זייער איינקונפט. שטייענדיג אין באזונדערס שווערע צייטן, מיט די שטייגנדע קאסטן פון לעבן און די פעדעראלע רעגירונג שאַטדאַון, איז דאס קריטיש אז ניו יארק'ס אַנעמפּלאָימענט אינשורענס (unemployment insurance, UI) בענעפיטן זאלן צושטעלן די נויטיגע שטיצע פאר פאמיליעס וואס שפיגלען אפ די עכטע קאסטן פון לעבן. אונטער די פירערשאפט פון מאיאריטעט פירערין Stewart-Cousins (סטוּערט-קאזינס) און גאווערנער Hochul (האקול), האט די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור געקענט העכערן די מאקסימאלע UI בענעפיט צום ערשטן מאל זינט 2019 און ווייטער פארלייכטערן די לאסט אויף ביזנעסער דורכן אפצאלן די סטעיט'ס פעדעראלע אַנעמפּלאָימענט חוב. אין ניו יארק זענען מיר פארפליכטעט צו לייגן מענטשן קודם און צו צושטעלן די נויטיגע שטיצע צו העלפן פאמיליעס זיך האלטן העכער די וואסער, באצאלן זייערע בילס און זיך צוריק אוועקשטעלן אויף די פיס."

**סטעיט סענאטאר Robert Jackson (ראבערט דזשעקסאן) האט געזאגט,** "אַנעמפּלאָימענט אינשורענס איז מער פון א זיכערהייט נעץ — עס איז א בונד צווישן די רעגירונג און די מענטשן וועם זי באדינט. ווען אן ארבעטער פארלירט זייער דזשאב, קומט זיי נישט צו פארלירן זייער מעגליכקייט צו לעבן בכבוד. דורכן אפצאלן אונזער סטעיט'ס חוב און העכערן וועכנטליכע בענעפיטן, ווייזט ניו יארק וויאזוי א פאראנטווארטליכע רעגירונג קוקט אויס: שטארקע פינאנציעלע פארוואלטונג צוזאמען מיט געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט. שטייענדיג אין א מאמענט ווען פעדעראלע כאאס האט איבערגעלאזט 115,000 ארבייטער אן זייער געהאלט, האט אונזער סטעיט אויסגעוועהלט אן אנדערע וועג — איינס וואס איז צענטרירט ארום סטאביליטעט, יושר און רעספעקט פאר ארבייטער. דאס איז וויאזוי מיר באשיצן ארבעטנדע פאמיליעס און פארשטערקערן די יסודות פון אונזער עקאנאמיע."

**סטעיט סענאטארשע Nathalia Fernandez (נעטאליע פערנאנדעז) האט געזאגט,** "די העכערונג איז פריידיגע נייעס פאר ניו יארקער. אין א צייט ווען אזויפיל פאמיליעס פילן די קאנסעקווענצן פון די פעדעראלע שאַטדאַון, איז דאס א פארזיכערנדע סימן צו זעהן אונזער סטעיט זיך אהערשטעלנדיג צו זיכער מאכן אז די וועלכע שטייען עקאנאמישע שוועריגקייטן ווערן געשטיצט."

**אסעמבלי מיטגלידערין Michaelle C. Solages (מיקאַעל סי. סאָלאַזש) האט געזאגט,** "דאס העכערן אַנעמפּלאָימענט בענעפיטן מיינט אן עכטע פארלייכטערונג פאר ארבייטער וועלכע מוטשענען זיך צו באצאלן זייערע בילס, און עס העלפט אויך ביזנעסער. עס איז א טריט צו טוהן דאס וואס איז ריכטיג פאר פאמיליעס און האלטן אונזער עקאנאמיע שטארק און יושר'דיג. איך באדאנק ספיקער Carl Heastie (קארל היעסטי) און גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר זייער פירערשאפט ביים מאכן די לאנג-נויטיגע העכערונג געשעהן."

**אסעמבלי מיטגלידערין Latrice Walker (לאטריס וואלקער) האט געזאגט,** "דאס איז גאר גוטע נייעס פאר פריוואטע מענטשן, פאמיליעס און ביזנעס אייגנטימער אין און ארום מיין דיסטריקט. פילע מענטשן טרעפן זיך אן ארבעט בשעת'ן נאכאלץ דארפן באצאלן די בילס און הויזגעזונד אויסגאבן. די העכערונג אין מאקסימאלע וועכנטליכע בענעפיטן וועט קענען פירן דערצו אז פילע מענטשן זאלן נישט דארפן מאכן די שווערע אויסוואהל צווישן עסנווארג און יוטיליטיס. פילייכט וועלן זיי נישט דארפן אויסוועהלן צווישן קויפן סקול סופלייס אדער צו באצאלן פאר רענט. איך אפלאדיר אויך די אפמאך צווישן גאווערנער Hochul (האקול) און יוניאן פירער פאר די געלט וואס דאס וועט איינשפארן פאר ביזנעס אייגנטימער."

**אסעמבלי מיטגליד Harry Bronson (הערי בראנסאן) האט געזאגט,** "דאס אפצאלן די UI טראָסט פאָנד חוב און ברענגען די קאסע צו א גוטע שטאנד איז געווען נויטיג כדי מיר זאלן קענען העכערן די בענעפיט שטאפל — וואס איז געשטאנען אן זיך רוקן אויף די 2019 שטאפל פון $504 מאקסימום פער וואך. די נייע מאקסימאלע בענעפיט איז $869 פער וואך און באשטימט צו זיין 50% פון די דורכשניטליכע

װעכנטליכע געהאלט, ארויפגייענדיג יעדעס יאר דערנאך. די בענעפיט העכערונג אדרעסירט פאמיליע אפארדעביליטי דורכן פארלייכטערן די לאסט פאר די װעלכע װערן ארבעטסלאזז און גיבן א קריטישע זיכערהייט נעץ כדי זיי זאלן קענען מצליח זיין צו באצאלן זייערע בילס דורכאויס די אריבערגאנג צו זייער קומענדיגע דזשאב. איך בין דאנקבאר און באדאנק יוניאנס און ביזנעסער װעלכע האבן געשטיצט די אסעמבלי'ס פארשלאג צו צוריקקערן די טראסט פאָנד צו א גוטע שטאנד און צו מאכן די באדייטנדע העכערונג צו די בענעפיט. די געהעכערטע װעכנטליכע בענעפיט איז באזונדערס װיכטיג יעצט אזוי װי ניו יארקע פאמיליעס קענען זיך נישט פארלאזן אויף די פעדעראלע רעגירונג צו שטיצן די מיטעלע קלאס. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט, און פאר ספיקער Heastie (היעסטי) פארן פארזיכערן אז די אפמאך צו העלפן ארבייטער איז טייל פון די ענדגילטיגע בודזשעט."

**אסעמבלי מיטגלידערין Alicia Hyndman (עליסיע הײנדמען) האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנסירונג דורך גאווערנער Hochul (האקול) און יוניאן פירער צייכנט אפּ א באדייטנדע טריט אויף פאראויס פאר ניו יארק'ס ארבעטסקראפט און ביזנעסער. די העכערונג אין די מאקסימאלע װעכנטליכע אָנעמפּלאָימענט אינשורענס בענעפיט פון 504$ צו 869$, צוזאמען מיט דאס צוריקברענגען די UI טראסט פאָנד צו א גוטע שטאנד, אפפערט קריטישע פינאנציעלע שטיצע פאר ארבעטסלאזע מענטשן, באזונדערס דורכאויס די יעצטיגע פעדעראלע שאַטדאַון. די איניציאטיוו איז ערווארטעט צו אויפטרייבן באדייטנדע איינגעשפארטע געלטער פאר ארבעטסגעבער דורך רעדוצירטע ביישטייערונג ראטעס, אפשפיגלנדיג אונזער פארפליכטונג צו באשיצן ארבייטער און צו עקאנאמישע שטאנדהאפטיגקייט."

**אסעמבלי מיטגלידערין Nily Rozic (נילי ראָוזיק) האט געזאגט,** "ניו יארקער ארבעטן שווער צו אויסהאלטן זייערע פאמיליעס, און עס קומט זיך זיי די זיכערהייט פון וויסן אז הילף איז דא ווען זיי דארפן דאס די מערסטע. דאס העכערן אָנעמפּלאָימענט בענעפיטן מיינט א שטערקערע זיכערהייט נעץ און מער סטאביליטעט פאר ארבייטער װעלכע גייען אריבער שווערע צייטן. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אונטערנעמען שריט צו פארשטערקערן אונזער אָנעמפּלאָימענט סיסטעם, באשיצן דזשאבס און זיכער מאכן אז ניו יארקער ווערן נישט איבערגעלאזט פון הונטן."

**אסעמבלי מיטגליד Al Taylor (על טעילאר) האט געזאגט,** "די העכערונג רעדט זיך נישט איבער טרוקענע נומערן — עס רעדט זיך איבער מענטשן װעלכע פרובירן זיך צו האלטן העכער די וואסער בשעת זיי ארבעטן צו ערגרייכן סטאביליטעט. צופיל ניו יארקער האלטן איין טשעק אוועק פון קריזיס, און ווען דזשאבס ווערן פארשוואונדן, ראטעוועט די זיכערהייט נעץ די מצב. דורכן העכערן אָנעמפּלאָימענט בענעפיטן און צוריקברענגען די קאסע צו א גוטע שטאנד, מאכן מיר זיכער אז די סיסטעם ארבעט ווי עס דארף צו זיין, שטיצנדיג ארבייטער מיט א בכבוד'דיגע לעבן, נישט חובות. איך אפלאדיר די גאווערנער פארן זיך אפגעבן מיט די אנגעלעגנהייט מיטן פולן קראפט און פארן אויפווייזן אז פינאנציעלע פאראנטווארטליכקייט און מיטגעפיהל קענען גיין האנט ביי האנט."

**אסעמבלי מיטגלידערין Sarah Clark (סערע קלארק) האט געזאגט,** "דאס העכערן די מאקסימאלע װעכנטליכע סומע פון אָנעמפּלאָימענט אינשורענס איז א קריטישע טריט אויף פאראויס צו פארזיכערן א בכבוד'דיגע לעבן און סטאביליטעט פאר ארבייטער װעלכע גייען אריבער א צייטווייליגע שווערע מצב. איך לויב אויס מיינע לעגיסלאטיווע קאלעגן, גאווערנער Hochul (האקול) און אונזערע יוניאן פירער פאר זייער פירערשאפט ביים שטופן פאר יושר'דיגקייט בשעת'ן אויך היטן אויף פינאנציעלע פאראנטווארטליכקייט. דאס צייכנט אפּ די לעצטע שטאפל פאר ניו יארקער אין די ערהוילונג פון די אומסטאביליטעט פון די פאנדעמיע. שטיצן ארבייטער האלט קאמיוניטיס שטארק און העלפט פאמיליעס בליהען אריבער אונזער סטעיט."

**אסעמבלי מיטגלידערין Jenifer Rajkumar (דזשעניפער ראַדזשקומאַר) האט געזאגט,**
"אָנעמפּלאָימענט אינשורענס איז א לעבנסוויכטיגע מיטל וואס ערלויבט ניו יארקער צו האלטן עסנווארג

אויפן טיש, באצאלן די רענט און דורכשוויצן די לעבן'ס שווערסטע אריבערגאנג תקופות לעבנדיג בכבוד. די וואך וועלן ארבייטער זעהן א רעקארד-הויכע העכערונג פון 365$ צו די מאקסימאלע וועכנטליכע בענעפיט. איך בין שטאלץ צו זיין א פירנדע שטימע שטיצנדיג ארבייטער וועלכע נוצן UI, האבנדיג ארויפגעברענגט די ביל אז סטעיט אינקאָם טעקס זאל נישט דארפן באצאלט ווערן פאר די בענעפיטן. איך בין פונקט אזוי שטאלץ צו האבן געארבעט מיט גאווערנער Hochul (האקול) צו אריינלייגן די בענעפיט העכערונג אין אונזער דורכגעפירטע בודזשעט, בשעת'ן אויך אונטערנעמען די פינאנציעל-קלוגע טריט צו אפצאלן אונזער 7 ביליאן דאלארדיגע UI טראסט פאָנד חוב. אין אן עפאכע פון שטייגנדע פרייזן און איבער 100,000 פעדעראלע ארבייטער אין ניו יארקער זייענדיג אהיימגעשיקט, לייגן מיר צוריק אריין געלט אין די קעשענעס פון ניו יארקער ווען זיי דארפן דאס די מערסטע בשעת'ן שטיצן ביזנעסער דורכן אראפנידערן בייסשטייערונג ראטעס. צוזאמען, וועלן מיר זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער האט א פינאנציעלע רעטונג שטריק צו קענען שטיין אויף זייערע אייגענע צוויי פיס און אויפבויען א לעכטיגערע צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגלידערין Nikki Lucas (ניקי לוקאס) האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו האבן געארבעט מיט גאווערנער Hochul (האקול) און מיינע קאלעגן צו זיכער מאכן אז אָנעמפלאָימענט אינשורענס איז באשיצט פאר אלע ניו יארקער, אריינרעכענענדיג די אין דיסטריקט 60 (איסט ניו יארק, קאנארסי, בראונסוויל). די ארבעט וואס מיר האבן עררייכט דורכן אפאצאלן די חוב ערלויבט אונז צו העכערן אָנעמפלאָימענט אינשורענס פון 504$ צו 869$ אנגעהויבן פון דעם חודש. דאס רעדט זיך פון לייגן ניו יארקער ערשט, העלפנדיג זיי ארויפשטעלן געגנוג עסנווארג אויפן טיש און העלפן זייערע פאמיליעס זיך רוקן אויף פאראויס. אלס געזעצגעבער, זענען מיר דא צו לייגן מענטשן ערשט, און איך וועל נישט אויפהערן קעמפן ביז יעדע קאמיוניטי פילט די השפעה דערפון."

**אסעמבלי מיטגלידערין Yudelka Tapia (יודעלקא טאפיא) האט געזאגט,** "די העכערונג צו אָנעמפלאָימענט בענעפיטן איז צו גיבן א בכבוד'דיגע לעבן און סטאביליטעט פאר ארבעטנדע פאמיליעס. אין די בראנקס, מיינט די ענדערנוג אז מער פאמיליעס וועלן האבן עכטע שטיצע צו קענען ארויפשטעלן עסנווארג אויפן טיש. צוזאמען מיט מיינע קאלעגן אין די לעגיסלאטור און גאווערנער Hochul (האקול), האבן מיר געברענגט א באדייטפולע פארלייכטערונג פאר ארבעטסלאזע ניו יארקער און איינגעשפארטע געלטער פאר קליינע ביזנעסער."

**אסעמבלי מיטגלידערין Stefani L. Zinerman (סטעפאני ל. זינערמאן) האט געזאגט,** "דאס העכערן אָנעמפלאָימענט בענעפיטן רעדט זיך איבער מער פון צייטווייליגע שטיצע — עס רעדט זיך איבערן גיבן ניו יארקער די זיכערהייט זיך צו קענען קאנצענטרירן אויף דאס טרעפן ארבעט זיך צו אויסהאלטן און אויף זייער צוקונפט. דורכן פארשטערקערן די בענעפיטן, העלפן מיר מענטשן בלייבן פינאנציעל סטאביל, מיר גיבן ארבייטער די פלאץ צו אטעמען צו קענען זוכן באדייטפולע, פאמיליע-אויסהאלטנדע דזשאבס, און מיר טוהען דערמיט שטיצן די לאקאלע ביזנעסער וועלכע האלטן אונזערע געגנטער בליהענדיג."

**אסעמבלי מיטגלידערין Monique Chandler-Waterman (מאָוניק טשענדלער-וואטערמאן) האט געזאגט,** "די עררייכונג איז א קלארע געוואונס פאר ארבייטער-קלאס ניו יארקער. פאר צו לאנג זענען צייטווייליג-ארבעטסלאזע מענטשן געצווינגען געווארן צו איבערלעבן אויף אן אלטע סומע און נישט גענוג בענעפיטן — אבער מער נישט. דאס העכערן די מאקסימאלע וועכנטליכע בענעפיט פון 504$ צו 869$ איז אן אמביציעזע און נויטיגע טריט אויף פאראויס וואס וועט גיבן פאר טויזנטע פאמיליעס די סטאביליטעט, בכבוד'דיגע לעבן און פינאנציעלע שטיצע וואס קומען זיך זיי דורכאויס צייטן פון עקאנאמישע אומזיכערהייט. די טריט פלאסטערט אויס די וועג פאר אונז צו מאדערניזירן און פארשטעקערן אונזער אָנעמפלאָימענט סיסטעם, עס פארזיכערט שנעלערע און מער פארלעסליכע צוטריט צו בענעפיטן און גיבט אן עכטע פארלייכטערונג פאר פאמיליעס ווען זיי דארפן דאס די מערסטע.

אין א צייט ווען איבער טויזנט פעדעראלע ארבייטער אין ניו יארק זענען אהיימגעשיקט געווארן אין באצאלונג צוליב אן אומפאראנטווארטליכע שאָטדאַון דורך רעפובליקאנער, וואלט די העכערונג נישט געקענט זיין מער דרינגנד. די טריט מאכט זיכער אז מענטשן וואס פאלן אריין אין שווערע צייטן ווערן נישט איבערגעלאזט פון הונטן, און מיר טוהען דאס בשעת'ן שפארן געלט פאר אונזערע קליינע ביזנעסער און צוריקברענגען די אַנעמפּלאָימענט סיסטעם צו א לאנג-נויטיגע גוטע שטאנד. דאס איז וויאזוי גערעכטיגקייט קוקט אויס. דאס איז וויאזוי פירערשאפט קוקט אויס. און דאס איז די וועג וויאזוי מיר בויען א שטערקערע ניו יארק פאר יעדן איינעם."

**אסעמבלי מיטגליד George Alvarez (דזשארדזש אלווארעז) האט געזאגט,** "די העכערונג אין אַנעמפּלאָימענט בענעפיטן איז ווי א רעטונג שטריק פאר טויזנטע שווער-ארבעטנדע ניו יארקער וועלכע מוטשענען זיך צו באצאלן זייערע בילס. דורכן צוריקברענגען די אַנעמפּלאָימענט אינשורענס טראסט פאָנד צו א גוטע שטאנד און העכערן די מאקסימאלע בענעפיט, טוהען גאווערנער Hochul (האקול) און די לעגיסלאטור זיכער מאכן אז ארבייטער וועלכע פארלירן זייערע דזשאבס נישט צוליב זייער אייגענע שולד קענען אויסהאלטן זייערע פאמיליעס בכבוד. די טריט טוט נישט נאר פארשטערקערן אונזער ארבעטסקראפט, נאר עס העלפט אויך סטאביליזירן קליינע ביזנעסער און אונזער עקאנאמיע דא אין די בראנקס און אריבער די סטעיט."

**אסעמבלי מיטגליד Steven Raga (סטיווען ראגא) האט געזאגט,** "דורכן פולשטענדיג אפצאלן די חוב און סטאביליזירן די אַנעמפּלאָימענט אינשורענס טראסט פאָנד, טוהען מיר ברענגען קריטישע איינגעשפארטע געלטער וועלכע וועלן ערלויבן ארבעטסגעבער צו צוריק אינוועסטירן אין געהאלטן, צו אויפנעמען נייע ארבייטער און אין זייערע קאמיוניטיס — בשעת'ן אויך צוריקברענגען בענעפיטן פאר מענטשן וואס זוכן א דזשאב וועלכע פלעגן באקומען בענעפיטן אויף א ראטע וואס האט זיך נישט געטוישט זינט 2019. אין א צייט ווען די פעדעראלע אדמיניסטראציע האט אהיימגעשיקט 115,000 ניו יארקער, ברענגט די טריט גאר-נויטיגע פארלייכטערונג און שטיצע פאר שווער-ארבעטנדע פאמיליעס. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט ביים פארזיכערן אזעלכע געוואונסן פאר ארבעטסגעבער און ארבייטער."

**אסעמבלי מיטגליד Tony Simone (טאָוני סימאָון) האט געזאגט,** "די העכערונג אין וועכנטליכע אַנעמפּלאָימענט בענעפיטן איז נאך א סימן אז ניו יארק סטעיט שטעלט אהער רעזולטאטן פאר ניו יארקער. דורכן פאראנטווארטליכערהייט אפצאלן אונזער ארבעטסלאזיגקייט טראסט פאָנד חוב אין די היי-יאריגע בודזשעט, זענען מיר יעצט אין א פאזיציע צו קענען אריינלייגן מער געלט אין די קעשענעס פון ארבייטער ווען נויטיג, אויפבויען די רעזערוון — דאס אלעס בשעת'ן רעדוצירן ביישטייערונג ראטעס פאר ביזנעסער. איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול), ספיקער Heastie (היעסטי) און מאיאריטעט פירערין Stewart-Cousins (סטוּערט-קאזינס) פאר זייער פאראנטווארטליכע פינאנציעלע פארוואלטונג פון אַנעמפּלאָימענט טראסט פאָנד."

**אסעמבלי מיטגליד Landon Dais (לענדאן דעיס) האט געזאגט,** "אין א צייט ווען פעדעראלע שטיצע ווערט אפגעשוואכט, טוט זיך ניו יארק אהערשטעלן. גאווערנער Hochul (האקול)'ס שריט צו העכערן די מאקסימאלע וועכנטליכע אַנעמפּלאָימענט בענעפיט פון $504 צו $869 איז נישט בלויז א נומער — עס איז ווי א רעטונג שטריק פאר טויזנטע שווער-ארבעטנדע ניו יארקער וועלכע טרעפן זיך צווישן דזשאבס. דורכן אפצאלן די טראסט פאָנד חוב און צוריקברענגען די קאסע צו א גוטע שטאנד, טוהען מיר פארשטערקערן אונזער געזעלשאפטליכע זיכערהייט נעץ, און מיר ווייזן ווידעראמאל אויף אז ניו יארק קימערט זיך מיט אירע מענטשן. דאס רעדט זיך נישט בלויז פון דאלארן און צענט — עס רעדט זיך איבער א בכבוד'דיגע לעבן, סטאביליטעט און זיכער מאכן אז אונזערע שכנים פאלן נישט דורך די שפאלטן. איך בין שטאלץ צו שטיין מיט די גאווערנער און מיינע קאלעגן אין די לעגיסלאטור ביים זיכער

מאכן אז ניו יארק פארבלייבט א סטעיט וואס באשיצט אירע ארבייטער און בויט א שטערקערע, מער באפעסטיגטע עקאנאמיע פאר יעדן."

**אסעמבלי מיטגליד Noah Burroughs (נאָוע באראָוס) האט געזאגט,** "אין א צייט ווען אזויפיל ניו יארקער פילן די דרוק פון שטייגנדע קאסטן, אפפערט די העכערונג א באדייטפולע פארלייכטערונג. עס איז א דערמאנונג אז די רעגירונג ארבעט דאס בעסטע ווען עס לייגט מענטשן ערשט און נעמט אונטער שריט צו באשיצן ארבעטנדע פאמיליעס."

**אסעמבלי מיטגלידערין Judy Griffin (דזשודי גריפין) האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ געווען צו שטיצן פארבעסערונגען צו ניו יארק'ס אָנעמפלאָימענט אינשורענס סיסטעם אין די סטעיט בודזשעט. דאס אפצאלן די אָנעמפלאָימענט אינשורענס טראסט פאָנד חוב וואס האט זיך אנגעהויפנט דורכאויס די קאוויד-19 פאנדעמיע גיבט א גאר-נויטיגע פינאנציעלע פארלייכטערונג פאר ניו יארק'ס ביזנעסער, און דאס העכערן די מאקסימאלע וועכנטליכע בענעפיט צו בעסער אפשפיגלען די קאסטן פון לעבן מאכט זיכער אז מער ניו יארקער וועלן קענען מצליח זיין צו באצאלן זייערע בילס אין זייער צייט פון נויט. אין די צייט וואס די פעדעראלע רעגירונג פארנאכלעסיגט די פריאריטעטן פון ניו יארקער, וועט אונזער סטעיט רעגירונג פארזעצן צו אונטערנעמען די שכל'דיגע שריט צו שטיצן ניו יארקע ביזנעסער און איינוואוינער."

**אסעמבלי מיטגלידערין Larinda C. Hooks (לארינדע סי. הוּקס) האט געזאגט,** "דער היינטיגער טאג צייכנט אפ א זיג פאר ארבעטנדע פאמיליעס אריבער ניו יארק. די העכערונג אין וועכנטליכע אָנעמפלאָימענט בענעפיטן וועט גיבן פאר די וועלכע זענען אריינגעפאלן אין שווערע צייטן א שטערקערע זיכערהייט נעץ און א יושר'דיגע טשאנס זיך צוריק צו אוועקשטעלן אויף זייערע פיס. דאס איז וואס רעגירונג דארף טוהן: זיך ארויסשטעלן צו העלפן מענטשן, באשיצן זייער כבוד הבריות און זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער האט די געלעגנהייט זיך צו ערהוילן, זיך צוריק צו אויפבויען און זיך הייבן שטערקער פון בעפאר."

**אסעמבלי מיטגליד John Zaccaro, Jr. (דזשאן זאקאראָו דזשוּניאר) האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אונטערנעמען די וויכטיגע שריט צו פארמערן די מאקסימאלע וועכנטליכע בענעפיט פאר צייטווייליג-ארבעטסלאזע מענטשן. אריבער אונזער סטעיט – און באזונדערס דא אין די בראנקס – שטייען מיר אויס אן עקאנאמישע קריזיס. פאר ארבייטער וועלכע ארבעטן נאר אין געוויסע סעזאנען אדער וועלכע זענען אהיימגעשיקט געווארן – נישט א קליינע טייל פון זיי צוליב פרעזידענט Trump (טראמפ)'ס רעגירונג שאָטדאַון – וועט די העכערונג אין בענעפיטן אויפטוהן אסאך זיי העלפנדיג דעקן לעבנסוויכטיגע קאסטן ווי רענט, גראסעריס און אנדערע געברויכן ביז זיי קענען זיך פארזיכערן באשעפטיגונג."

**אסעמבלי מיטגליד Micah Lasher (מייקע לעשער) האט געזאגט,** "די העכערונג אין אָנעמפלאָימענט בענעפיטן ווייזט ארויס ניו יארק'ס אנטשיידענע פארפליכטונג צו שטיצן ארבעטנדע פאמיליעס וועלכע שטייען אויס אומזיכערהייט פון די פעדעראלע רעגירונג. דורכן ברענגען די UI טראסט פאָנד צו א גוטע שטאנד, טוט ניו יארק פארשטערקערן די געזעלשאפטליכע זיכערהייט נעץ, שטיצן אונזערע קליינע ביזנעסער און באשיצן ניו יארקער אויף די לאנגע טערמין."

**New York State AFL-CIO פרעזידענט, Mario Cilento (מאריאָו סילענטאָו), האט געזאגט,** "דורכאויס די צייט פון כאאס און צומישעניש אין וואשינגטאן, טוהען מיר דא אין ניו יארק שטאלצערהייט אונטערנעמען שריט צו שטיצן ארבייטער וועלכע מוטשענען זיך צו באצאלן זייערע בילס ווען זיי טרעפן זיך ארויס פון ארבעט, נישט צוליב זייער אייגענע שולד. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול), סענאט מאיאריטעט פירערין Stewart-Cousins (סטוּערט-קאזינס) און ספּיקער Heastie (היעסטי) פארן

אנערקענען די דרינגנדע נויט צו באדייטנד העכערן בענעפיטן, זיכער מאכנדיג אז ארבייטער קענען בעסער אויסהאלטן זיך אליין און זייערע פאמיליעס דורכאויס צייטן פון ארבעטסלאזיגקייט."

**New York State Building Trades פרעזידענט, Gary LaBarbera (גערי לאבאַרבערא), האט געזאגט,** "עס איז וויכטיג אז מיר זאלן טוהן אלעס וואס מיר קענען צו אויפהייבן די ניו יארקער וועלכע זענען מעגליך ארויס פון ארבעט אדער נישט געשטיצט צוליב אומשטענדן וואס זענען נישט אין זייערע הענט, באזונדערס אין דעם שווערן מאמענט. דאס אויסשטאטן די מענטשן וואס ארבעטן געוועהנטליך שווער מיט די כלים צו קענען פארזעצן צו אויסהאלטן זייערע פאמיליעס און ביישטייערן צו זייערע קאמיוניטיס בענעפיטירט נאר אונזער ברייטערע עקאנאמיע און האלט אויף די מיטעלע קלאס. מיר אפלאדירן גאווערנער Hochul (האקול) און קאמישאנער Reardon (ריערדאן) פארן שטופן פאר די העכערונג צו בענעפיטן גייענדיג פאראויס, וואס וועט פירן צו אוועקשטעלן מער מענטשן אויף זייערע פיס און זיי האלטן אין א גוטע שטאנד צו קענען פארזעצן זייערע קאריערעס נאך די שטורעם גייט אריבער."

**Hotel and Gaming Trades Council פרעזידענט, Rich Maroko (ריטש מאראקא), האט געזאגט,** "פריער דאס יאר, האבן ניו יארק'ס ארבעטנדע פאמיליעס געהאט א גרויסע געווינס ווען גאווערנער Hochul (האקול) און די לעגיסלאטור האבן אפגעצאלט די אָנעמפלאָימענט אינשורענס טראסט פאָנד חוב, ערלויבנדיג די מאקסימאלע וועכנטליכע בענעפיט צו געהעכערט ווערן מיט איבער $350 דעם חודש גייט די לעבנסוויכטיגע מאסנאם אריין אין קראפט. צי זיי שטייען אויס אומזיכערהייט צוליב די אנגייענדע פעדעראלע רעגירונג שאָטדאַון אדער א יוניאן געפעכט, קומט זיך פאר ניו יארקער און זייערע פאמיליעס צו האבן פינאנציעלע זיכערהייט ווען זיי גייען אריבער ארבעטסלאזיגקייט. איך בין שטאלץ צו פייערן די געווינס נישט בלויז פאר ארבייטער אין די האטעל אינדוסטריע, נאר פאר אלע ארבייטער אריבער ניו יארק."

**Public Employees Federation (PEF) פרעזידענט, Wayne Spence (וועין ספענס), האט געזאגט,** "א דאנק די פירערשאפט פון גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול), סענאט מאיאריטעט פירערין Andrea Stewart-Cousins (ענדריע סטוּארט-קאָזינס) און אסעמבלי ספיקער Carl Heastie (קארל היעסטי), טוט ניו יארק פארמערן איר שטיצע פאר צייטווייליג-ארבעטסלאזע מענטשן און זייערע פאמיליעס. מיט די פעדעראלע רעגירונג אין שאָטדאַון, זענען 115,000 פעדעראלע ארבייטער אין אונזער סטעיט אהיימגעשיקט געווארן און געלאזט געווארן אן באצאלונג. גאווערנער Hochul (האקול) ווייזט פאר דאס לאנד וויאזוי עס קוקט אויס צו קעמפן פאר ארבעטנדע מענטשן כדי פאמיליעס זאלן קענען באצאלן זייער רענט און שטעלן עסנווארג אויפן טיש. ווען א מענטש איז ארויס פון ארבעט טוט די צוגעלייגטע באשיצונג צו וועכנטליכע באצאלונגען גאר אסאך אויף. PEF מיטגלידער ביי די לעיבאר דעפארטמענט העלפן אנפירן דעם אָנעמפלאָימענט אינשורענס פראגראם און וועלן זיין דאנקבאר צו ברענגען די גוטע נייעס פאר ניו יארקער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן